STEVEN SPIELBERG DIGITAL
YIDDISH LIBRARY NO. 12927

MAYSELEKH VEGN HERSHELE OSTROPOLYER

Solomon Bastomski

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18976-6

D:\YIDDISH\TITLES\9780657189761T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מעשהלעך

וועגן

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

געזאַמלט פון ש. באַסטאָמסקי.

11/80

העפט 1

פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך"

ווילנע — 1938

מעשׂהלעך

וועגן

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

געזאמלט פון ש. באַסטאָמסקי.

העפט I

YIVO INSTITUTE

פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך"

ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1938

Printed in Poland

Sz. Bastomski

„Majselech wegn Herszele Ostropoler“

Druk. „Express“ Wilno, Wielka 33.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

ווער עס איז געווען דער באַרימטער וויצלינג הערשעלע אָסטראָפּאָליער, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט, ווען און ווען ער האָט געלעבט-אויף די אַלע פראַגעס קען מען קיין זיכערן ענטפער ניט געבן.

אַזוי ווי הערשעלעס טעטיקייט ווי אַ לץ-וויצלינג איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון דעם רבין ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש, איז מען משער, אַז הערשעלע האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן י״ה.

אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס זײַנען אָנגעגעבן ידיעות פון הערשעלעס לעבן. די דאָזיקע ידיעות זײַנען ווײַט ניט קיין זיכערע.

מיר וועלן דאָ בלויז ברענגען דעם פאַקט, ווי אַזוי הערשעלע איז געקומען קיין מעזשיבעזש.

אין די יונגע יאָרן איז הערשעלע געווען אַ שוחט אין אָסטראָפּאָליע.

ער איז געווען אַ פריילעכער אָרעמאַן און האָט לוסטיק געמאַכט די שטאָט מיט זײַנע וויצן און ווערטלעך.

אין מעזשיבעזש איז דאַן געווען רבי דעם בעל-שם-טובס אַן אייניקל ר׳ ברוכל.

ר׳ ברוכל איז געווען אַ מענטש אַ פאַראומערטער, אַ מרה-שחורהניק.

זײַנע מקורבים האָבן אַלץ געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו פאַרטרײַבן פון אים די מרה שחורה און ניט געקאָנט געפינען.

ווען דעם רבינס מקורבים האָבן זיך דערוווּסט וועגן הערשעלען, האָבן זיי באַשלאָסן אַראָפּצוברענגען אים קיין מעזשיבעזש, כדי ער זאָל דעם רבין פריילעך מאַכן.

הערשעלע האָט אָנגענומען די שטעלע און איז מיט ווײַב און קינד אַריבערגעפאָרן קיין מעזשיבעזש.

פאַראַן אַ מיינונג, אַז ס׳איז גאָר ניט געווען קיין הערשעלע. וועמען מע שרײַבט צו די באַשטימטע וויצן.

לויט יענער מיינונג זײַנען די דאָזיקע וויצן פאָלקסוויצן.

דאָס פאָלק האָט זיך דאָס אַליין געשאַפן אַזאַ פריילעכן קבצן און אַלע וויצן און ווערטלעך געזאָגט אין זײַן נאָמען.

אַ באַווײַז דערצו: אַ גרויסן טייל פון די וויצן וועגן הערשעלען האָט דאָס פאָלק שפּעטער צוגעשריבן צו פאַרשיידענע אַנדערע וויצלער אין פאַרשיידענע געגנטן פון אַמאָליקן רוסלאַנד, ווי מאָטקע חב״ד, שײַקע פײַפער, אפרים גריידינגער, מרדכי ראַקאָווער א״אַ.

„יינגעלע, ווי הייסטו?“

אַז הערשעלע איז אַלט געווען אַ יאָר זעקס און האָט זיך נאָך אַרומגעיאָגט אין דרויסן מיט די ציגן, איז איין מאָל צוגעקומען צו אים אַ פרעמדער ייד, אַ ליטוואַק, און געפרעגט בײַ אים:

— יינגעלע, ווי אַזוי הייסטו?

— איך הייס, ווי מײַן זיידע האָט געהייסן—האָט הערשעלע געענטפערט.

— ווי אַזוי האָט געהייסן דײַן זיידע?—האָט דער פרעמדער געפרעגט.

— אַזוי ווי מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן—האָט הערשעלע געענטפערט.

דערזעען, אַז מע קען מיטן יינגעלע גאָרנישט ניט מאַכן, האָט דער ליטוואַק געוואָלט אַרויסבאַקומען בײַ אים דעם נאָמען מיט אַ קונץ. רופט ער זיך אָפּ צו אים אַזוי:

— זאָג מיר, יינגעלע, אַז די מאַמע רופט דיך עסן, ווי אַזוי רופט זי דיך?

— מיך דאַרף מען ניט רופן עסן — האָט דער קלוגער הערשעלע געענטפערט—אַז ס'איז דאָ וואָס צו עסן, לויף איך אַליין.

■■■

אין זיבעטע יאָרן.

הערשעלע האָט ניט געהאַט קיין גרויסן חשק צום לערנען.

איין מאָל האָט אים דער רבי גענומען שטראָפן אין חדר פאַר אַלע קינדער אין די אויגן:

— שעמען מעגסטו זיך, יונגאַטש איינער, דער רבי ר' העשל אין דײַנע יאָרן איז שוין געווען אַ רבי!

הערשעלע האָט זיך ניט פאַרלאָרן און האָט אים גלײַך געענטפערט:

—און אין אײַערע יאָרן, רבי, איז שוין ר' העשל געווען אויף יענער וועלט...

■■■

געדאַרפט געבן אַ בלאָז.

איין מאָל ערב יום-טוב האָט הערשעלעס מאַמע אָפּגעבראָטן אַ גאַנדז אויף יום טוב.

אין מיטן נאַכט האָט זיך הערשעלען שטאַרק פאַרוואָלט פאַרזוכן אַ שטיקל גאַנדזנס. איז ער אַראָפּגעקראָכן שטילערהייט פון בעט און אויפגעגעסן אַ פיסל פון דער גאַנדז.

אויף מאָרגן האָט זיך די מאַמע געכאַפּט, אַז עס פעלט אַ פיסל פון דער גאַנדז. האָט זי געמאַכט קולות.

אַלע קינדער האָבן זיך געשוואָרן מיט הייליקע שבועות, אַז זיי האָבן דאָס פיסל ניט אָנגערירט. הערשל האָט אויך געלייקנט שטיין און ביין.

— ווו זשע איז פאָרט אַהינגעקומען דאָס פיסל? — האָט זיך די מאַמע ניט באַרויִקט.

מע האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט מאַכן.

נאָך דער סעודה איז די מאַמע געגאַנגען מיט הערשעלען צו גאַסט. פּלוצעם האָבן זיי דערזען, ווי אַ גאַנדז

שטייט אין מיטן מארק אויף איין פיסל.

— זעסט, מאמע, — האט זיך הערשעלע אנגערופן — אט די גאנדז האט אויך ניט מער ווי איין פיסל!

— אט וועל איך געבן א בלאז — האט די מאמע געענטפערט — וועט זי האבן צוויי פיסלעך.

— מאמע! — האט הערשעלע אויסגערופן: — דו האסט געדארפט געבן א בלאז אויף אונדזער גאנדז אויך, וואלט זי אויך געקראגן צוויי פיסלעך...

❖ ❖ ❖

ביידע קומען אפ.

אז הערשעלע איז אלט געווען א יאר עלף, האט מען אים אריינגעגעבן אין א ישיבה.

דארט האט ער געגעסן טעג.

זיינער א חבר פון דער ישיבה, וואס האט אויך געגעסן טעג, האט זיך פאר אים באקלאגט, אז ער האט ניט קיין הנאה פונעם עסן.

— יעדן טאג — האט ער געזאגט — גיט מיר מיין בעלעבאסטע קאשע. די קאשע קריכט מיר שוין פון האלדז.

— מיר איז ערגער פון דיר — האט הערשעלע געענטפערט — דו מוזסט אפקומען מיט קאשע און איך קום אפ אלע מיינע טעג מיט א תירוץ.

— וואס הייסט? — האט דער חבר זיך געוואונדערט.

— גאר פשוט — האט הערשעלע געענטפערט — וווּ איך זאל ניט קומען עסן — אומעטום זאגט מען מיר אן אנדער תירוץ, פאר וואס ס'איז ניטא וואס צו עסן.

❖ ❖ ❖

א שטוב צו א שטוב איז ניט גלייך.

איינער האט א מאל געפרעגט הערשעלען, פאר וואס ער האט אפגעלאזן אזא גוטן שידוך. מע האט דאך אים געגעבן אזא שיינע שטוב אין נדן.

— א שטוב צו א שטוב איז ניט גלייך — האט הערשעלע געענטפערט — און וועגן יענער שטוב קען מען אט וואס זאגן: ערשטנס, געהערט זי ניט צום מחותן, נאר צו די בעלי־חובות; צווייטנס, איז דאס א חורבה, ניט קיין שטוב; דריטנס, איז ניט לאנג געווען א שרפה און די שטוב האט אפגעברענט...

❖ ❖ ❖

ער וועט טאן, ווי זיין טאטע האט געטאן.

אז הערשעלע איז געפארן צו דער כלה אויף־תנאים, איז אין מיטן וועג געפאלן דאס פערד פון דער בויד, וווּ ער איז געזעסן.

ס'איז געווארן א טומל, א געשריי:

— וואס טוט מען?

רופט זיך אפ הערשעלע:

— שאט, איך וועל טאן, ווי מיין טאטע האט געטאן!

— האָס װעסטו טאָן? — האָבן אַלע נײַגעריק געפרעגט.

— איך װעל גײן צו פוס.

❋ ❋ ❋

װוּ איז דער יוֹשר און װוּ איז דער שׂכל?

אַז הערשעלע איז געװען אַ חתן, האָט אים אײן מאָל זײַנער אַ באַקאַנ־טער, אױך אַ חתן־בחור, געשטעלט אַזאַ קשיה:

—װי קומט דאָס, הערשעלע, װאָס דו, אַזאַ געראָטענער בחור, באַקומסט אַ קלײנעם נדן, און איך, װאָס איך בין װײניקער געראָטן, האָב באַקומען גאַנצע טױזנט קאַרבן. װוּ איז דאָס דער יושר? װוּ איז דאָס דער שׂכל?

— איך װעל דאָס דיר דערקלערן מיט אַ משל—האָט זיך הערשעלע אָפּ־גערופן:—אַ מאָל האָט אַ פערד געקאָסט פינף רובל. הײַנט קאָסט ער פינף און צװאַנציק; אַ מאָל האָט מען באַקומען אַ חזיר פאַר צװײ רובל, הײַנט קאָסט ער צען רובל. הײַנט אַז אַ פערד ביסטו אײנער אין דער מדינה, און אַ חזיר פון חזיר־לאַנד, און אַ פאַסקוד־ניאַק דערצו אױך—ביסטו דאָך װערט אַן אוצר!..

❋ ❋ ❋

הערשעלעס לשון־קודש.

אַז הערשעלע איז געקומען אָנ־קוקן זײַן כּלה, האָט אים דער כּלהס ברודער גענומען פאַרהערן אַ ביסל לשון־קודש:

— זאָג מיר נאָר, חתן־בחור — האָט ער הערשעלען געפרעגט — װען שרײַבט מען אױף לשון־קודש אַן „אַלף" און װען—אַן „עין"?

הערשעלע האָט לאַנג ניט געקלערט און אַזױ געענטפערט:

— אױב עס גלוסט זיך שרײַבן אַן אַלף, שרײַבט מען אױף להכעיס אַן עין, און אױב עס גלוסט זיך שרײַבן אַן עין, שרײַבט מען אױף צעפּוקעניש אַן אַלף.

און אױב עס גלוסט זיך אין גאַנצן נישט? װאָס טוט מען דעמאָלט?—האָט יענער געפרעגט הערשעלען.

—דאַן איז גאָר גוט—האָט הערשעלע געענטפערט — דאַן קריכט מען אַרױף אױפן אױװן און מע לײגט זיך שלאָפן.

❋ ❋ ❋

„װער אַ מלמד!"

הערשעלע האָט אַ מאָל דערצײלט, װי אַזױ דער טאַטע זײַנער האָט אים אַ מאָל געשטראָפט:

—לערנען קענסטו נישט, קײן שׂכל פאַרמאָגסטו נישט, צו עפּעס רעכטס טױגסטו נישט, רײדן מיט קײן מענטשן קענסטו נישט! — די בעסטע זאַך: װער אַ מלמד!...

❋ ❋ ❋

ער פירט אַ פּריצטע מיט פּריצימלעך.

ווען הערשעלע איז פאַרבעטן געוואָרן קיין מיעזשיבעזש צו ווערן אַ לץ בײַם רבין, איז ער אַהין געפאָרן פון אָסטראָפּאָליע צוזאַמען מיטן רבינס שלוחים און מיט זײַן ווײַב און קינדער.

אויפן וועג איז אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן אין אַ קרעטשמע.

הערשל האָט ניט געוואָלט, מע זאָל אים אויפנעמען ווי אַן אָרעמאַן. האָט ער פאַרקאָטשעט די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, אַרונטערגעשאַרט די פּאות, גענומען דעם באַלעגאָלעס לאַנגע בײַטש און איז אַרײַן אין קרעטשמע מיט קוראַזש:

—איך פיר אַ פּריצטע מיט פּריצימלעך! גיט מיר אָפּ פון זײַערטוועגן דעם שענסטן חדר!

די באַלעבאָסטע איז געווען שטאַרק פאַרנומען, ווײַל די קרעטשמע איז פול געווען מיט פּויערים. האָט זי זיך ניט אומגעקוקט אויף הערשעלען און אויף גיך אַ זאָג געטאָן:

—גייט, זײַט מוחל, און קלײַבט אײַך אַליין אויס אַ חדר פאַר דער פּריצטע.

מער האָט הערשל ניט באַדאַרפט. ער האָט אויסגעקליבן דעם שענסטן צימער, אַרײַנגעבראַכט אַהין דאָס ווײַב און קינדער און זיך צעלייגט מיט זײַנע בעבעכעס ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און נאָך געקראָגן פון זײַערטוועגן עסן און טרינקען פונעם שענסטן און בעסטן.

אַז די באַלעבאָסטע איז פּטור געוואָרן פון די פּויערים, האָט זי זיך דערמאָנט אָן די געהויבענע געסט, וואָס זײַנען פאַרפאָרן צו איר. איז זי געלאָפן צו זיי אַ קוק טאָן, טאָמער פעלט זיי עפּעס.

דערזען, ווער די געסט זײַנען, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד.

עס זײַנען אַרײַנגעקומען דעם רבינס שלוחים און די קרעטשמערקע האָט זיי דערציילט, ווי הערשעלע האָט זי אָפּגענאַרט. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט געבראַכט אַ פּריצטע מיט פּריצימלעך און צום סוף...

— סטײַטש, הערשל, ווי טוסטו דאָס אַזאַ זאַך? — האָבן זיך די שלוחים געוווּנדערט.

— וואָס ווילט איר? — איז הערשל אין כּעס געוואָרן — בײַ מיר איז מײַן ווײַב אַ פּריצטע און מײַנע קינדערלעך פּריצימלעך. אפשר ניט אַזוי?

האָבן שוין די שלוחים געזען, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן.

וואַריאַנט צום סוף:

די קרעטשמערקע האָט געפאָדערט, אַז הערשעלע זאָל זיך גלײַך אָפּטראָגן פון דער קרעטשמע.

— וואָס פעלט מיר בײַ אײַך? — האָט הערשעלע קאַלטבלוטיק געענטפער.

— באַלד קומט צו פאָרן מײַן מאַן, װעט ער מיך פאַר אַזאַ זאַך באַגראָבן.

— ער װעט טאַקע זײַן גערעכט איך — האָט הערשעלע צוגעגעבן — װי טוט מען דאָס אַזאַ נאַרישקייט?

— װאָס בין איך שולדיק? — האָט די קרעטשמערקע געגװאַלדעװעט — װאָס האָב איך געקענט טאָן?

— און װאָס האָב איך געקענט טאָן? — האָט הערשעלע צוריק געענטפערט.

* * *

פאַר װאָס קָהָל נעמט ניט אײַן?

איין מאָל האָט הערשעלע אַזוי געטַעֲנָהט צו אַ רעדל ייִדן:

— עס איז מיר תָּמיד אַ װוּנדער איין זאַך: קָהָל נעמט אײַן פאַר הייװן, נעמט אײַן טאַקסע פאַר פלייש, נעמט אײַן ליכט־אָפּצאָל און נאָך אַזוינע זאַכן. פאַר װאָס נעמט עס ניט אײַן קיין מיתה משונה?

* * *

אַבי ער האָט פּיס.

הערשעלע האָט זיך אַ מאָל באַרימט:

— אַבי איך האָב פּיס, איז מיר שוין גוט װי די װעלט.

— װאָס איז דאָ דער גליק? — האָט מען אים געפרעגט.

— אַז מע האָט פּיס — האָט הערשעלע געענטפערט — קען מען גיין איבער די הײַזער.

* * *

װען ער װאָלט געהאַט שטיװול.

הערשעלע האָט אַ מאָל געזאָגט צו זײַן װײַב:

— װען איך װאָלט געהאַט שטיװל, אײַ, װאָלט מיר גוט געװען!

— װאָס װאָלט דאָס געװען? — האָט די װײַב געפרעגט.

— װען איך האָב אַ פּאָר שטיװל — האָט הערשעלע געענטפערט — װאָלט איך שוין לאַנג אַװעק אין מֶרחַקים איבער די הײַזער.

* * *

װען ער האָט ראָטשילדס פאַרמעגן.

איינער האָט אַ מאָל געפרעגט הערשעלען:

— זאָג נאָר, הערשעלע, װאָס װאָלסטו געטאָן, װען דו האָסט ראָטשילדס פאַרמעגן?

— איך װאָלט דאַן געװען רײַכער פון ראָטשילדן! — האָט זיך הערשעלע אָפּגערופן.

— װי אַזוי? — האָט יענער װידער געפרעגט — װי קען דאָס זײַן?

— גאַנץ פָּשוט — האָט הערשעלע געענטפערט — װײַל ראָטשילד האָט דאָס, װאָס ער האָט. און איך װאָלט נאָך געגאַנגען איבער די הײַזער אויך!

װאַריאַנט פון לעצטן ענטפער:

— און איך װאָלט נאָך געקומען אַ קנעלונג אויך...

* * *

אַן אייבּיקע פּרנסה.

הערשעלע האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז ער װאָלט גאָר װעלן װערן אַ באַי גרעבּער.

—װאָס עפּעס אַ באַגרעבּער?—האָט מען אים געפרעגט.

—ס'איז אַפילו אַ קנאַפּע פּרנסה—האָט הערשעלע געענטפערט—נאָר אַן איבּיקע.

❀ ❀ ❀

פאַר וואָס ער קעמט זיך ניט אויס דעם קאָפּ.

הערשעלע איז אַ מאָל אַרומגעגאַנגען מיט אַ פולן קאָפּ פעדערן.

— הערשל, פאַר װאָס קעמסטו זיך ניט אויס דעם קאָפּ? — האָט מען אים געפרעגט.

— איך בין אַזוי פאַרשולדיקט — האָט הערשעלע געענטפערט—אַז קיין האָר אויפן קאָפּ איז ניט מײַנער. צו װאָס זאָל איך קעמען פרעמדע האָר?

❀ ❀ ❀

פּאָרנט און הינטן.

אַ מאָל האָט הערשעלע זיך געמאַכט אַ קאַפּאָטע. װאָס פון פּאָרנט איז זי געװען פון אַטלעס און פון הינטן — פון בלויזן אונטערשלאַק.

— װאָס איז דאָס פאַר אַ הילוך? — האָט מען אים געפרעגט.

האָט הערשעלע אויף דעם אַזוי געענטפערט:

— דעם פּאָרנט, װאָס איך זע, דאַרף איך מאַכן פון אַטלעס; הינטן, װוּ איר זעט, מאַכט איר פון אַטלעס!

❀ ❀ ❀

אַן אורח אויף שבּת.

אַ מאָל, װען אין שטוב איז גאָרנישט ניט געװען צו עסן, האָט זיך הערשעלע מישב געװען און גענומען אַן אורח אויף שבּת.

דערזען דעם אורח, איז הערשעלעס װײַב אַרײַן אין אַ װילדן כּעס.

—װאָס האָסטו געטאָן? — האָט זי גענומען שרײַען — דו װייסט דאָך, אַז ס'איז ניטאָ קיין ברעקל בּרויט אין שטוב!

דער אורח איז געװאָרן אַ צעציטערטער.

—הערט ניט, ר' ייִד, װאָס די יידענע רעדט — האָט הערשעלע דעם אורח בארויִקט—איר טוט זיך אַפּערס.

— װאָס זאָל איך טאָן? — האָט דער אורח געפרעגט.

— נעמט דאָס פּעקל — האָט אים הערשעלע אַן עצה געגעבן—לייגט עס אונטער אויף דר'ערד צוקאָפּנס און גייט שלאָפן.

❀ ❀ ❀

עס קען געמאָלט זײַן.

הערשעלע איז אַמאָל אַרײַנגעקומען צו אַ גביר און געזען, אַז די צימערן בײַ אים אין דער דירה זײַנען זייער שיין געמאָלט.

רופט זיך אָפּ הערשעלע צום גביר:

— עס איז טאַקע זייער שיין געמאָלט בײַ אײַך, נאָר בײַ מיר קען געמאָלט זײַן נאָך שענער.

האָט אים דער גביר געוויזן נאָך אַ צימער, נאָך שענער געמאָלט.

אָבער הערשעלע האָט זיך אַלץ געהאַלטן בײַ זײַנס:

— בײַ מיר קען נאָך שענער געמאָלט זײַן!

פרעגט אים דער גביר:

— ווי אַזוי קען דאָס בײַ אײַך אַזוי שיין געמאָלט זײַן?

ענטפערט אים הערשעלע:

— בײַ מיר קען געמאָלט זײַן, אַז איך זאָל אין שטוב קיין ברויט ניט האָבן...

דער גביר האָט פאַרשטאַנען הערשעלעס חיץ און ער האָט אים געגעבן אַ שיינע נדבֿה.

זעקס זאַכן האָבן אים געבראַכט דערצו.

איינמאָל האָבן יידישע סוחרים גענומען מוסרן הערשעלען, וואָס ער מאַכט זיך כּסדר נאַריש.

— ווער נייט אײַך דערצו, — האָבן זיי בײַ אים געפרעגט — וואָס איר פאַרברענגט די צײַט דורכויס אין ליצנות?

— זעקס זאַכן האָבן מיך געבראַכט דערצו — האָט הערשעלע דערקלערט — איך האָב איין ווײַב, פיר קינדער און קיין ברויט.

וואָס איז ווערט אַ דימענט ווי אַן איי די גרויס?

אַ קאַרגער גביר אַ יוּוועלנהענדלער האָט אַמאָל חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. הערשעלען האָט זיך זייער געוואָלט זײַן אויף דער חתונה. קומט ער צום מחותן צו דער חופּה־וועטשערע און זאָגט אים:

— איך האָב זיך בײַ אײַך צו פרעגן אַ וויכטיקע זאַך.

דער מחותן איז געווען זייער פאַרנומען. וויל ער ניט הערן.

זאָגט הערשעלע:

— ס'איז אָבער זייער אַ וויכטיקע זאַך. איר מוזט מיך אויסהערן.

פרעגט דער מחותן:

— טאָ זאָגט שוין: וואָס ווילט איר?

רופט זיך אָפּ הערשעלע:

— איך מוז אײַך דאָס זאָגן אונטער פיר אויגן.

האָט דער גביר אַרײַנגעפירט הערשעלען אין אַ באַזונדערן צימער, און הערשעלע האָט געפרעגט בײַ אים:

— וואָס איז ווערט אַ דימענט ווי אַן איי די גרויס?

דער מחותן האָט געמיינט, אַז דער אורח וויל פאַרהאַנדלען אַ גרויסן דימענט.

רופט ער זיך אָפּ:

— איצט האָב איך קיין צײַט ניט. לאָמיר איצט גיין עסן װעטשערע, און שפּעטער װעלן מיר רײדן.

הערשעלע האָט אָפּגעגעסן אַ גע־שמאַקע חופּה־װעטשערע.

נאָכן עסן רופט אים אַרײַן דער מחותן אין צימער און פרעגט בײַ אים:

— נו, ר׳ ייִד, װוּ איז אײַער דימענט?

זאָגט הערשעלע:

— איך האָב ניט.

— טאָ װאָס האָט איר געפרעגט?

ענטפערט הערשעלע:

— איך האָב געקלערט: טאָמער װעל איך אַמאָל האָבן אַזאַ דימענט, האָב איך געװאָלט װיסן, װאָס װעט ער װערט זײַן.

אין שלעכטע הענט.

איינמאָל איז הערשעלע אַרײַנגע־קומען צו אַ גביר נאָך אַ נדבֿה.

דער גביר האָט אים געגעבן און געפרעגט, װי גייט עס בײַ אים די מלאָכה פון בעטלען.

האָט אים הערשעלע געענטפערט:

— די מלאָכה װאָלט געװען ניט קיין שלעכטע. די צרה איז אָבער, װאָס זי ליגט בײַ אָרעמעלײַט אין די הענט.

ניט פאַרן אייבערשטן און ניט פאַרן אונטערשטן.

איינמאָל איז אַ גבאי צוגעשטאַנען צו הערשעלען, ער זאָל אים עפּעס דערציילן. הערשעלע האָט אפילו ניט געװאָלט, נאָר ער האָט געמוזט. האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פראַגע:

— פאַרװאָס איז בײַ אַ קאַטשקע דער בויך פעט און ס׳ער רוקן מאָגער?

און ער האָט אַליין געענטפערט:

— װײַל אַז זי שװימט אויפן טײַך, האָט זי מורא, מע זאָל זי ניט שיסן פון אויבן. פאַרן אונטן האָט זי קיין מורא ניט. און אַן אָדלער איז פּונקט פאַרקערט: ער איז אונטן מאָגער און אויבן פעט. װײַל שיסן קען מען אים נאָר פון אונטן. ער האָט פאַרן איי־בערשטן קיין מורא ניט. אַלזאָ — דער אָדלער האָט מורא פאַרן אונטערשטן, די קאַטשקע — פאַרן אייבערשטן, און איר, אַפּנים, האָט קיין מורא ניט ניט פאַרן אייבערשטן און ניט פאַרן אונ־טערשטן—איר זײַט גראָב און פעט פון ביידע זײַטן...

זיי װילן שוין װיסן.

אַמאָל האָט זיך איינער באַקלאָגט פאַר הערשעלען, אַז בײַ אים אין דער דירה זײַנען פאַראַן אַ סך מײַז.

האָט אים הערשעלע געהייסן אַנידער־לייגן צו שטיקלעך אפיקומן בײַ יעדער נאָרע, װײַל נאָך דעם אפיקומן טאָר מען שוין מער ניט עסן.

פרעגט אים יענער:

— פון װאַנען װעלן אָבער די מײַז װיסן, אַז נאָכן אפיקומן טאָר מען שוין מער ניט עסן?

האָט אים הערשעלע געענטפערט:

— ניט לאַנג האָבן די מײַז בײַ מיר אויפגעגעסן אַ שולחן־עורך, האָבן זיי דאָך שוין זיכער געזען דעם דין, אַז נאָכן אפיקומן טאָר מען שוין מער ניט עסן.

אויב דו גלויבסט מיר ניט, גיי אליין.

הערשעלע אָסטראָפּאָלער האָט זיך אַמאָל באַזעצט אויף אַן אכסניה און דאָרט געגעסן און געטרונקען. אַז דער באַלעבאָס פון דער אכסניה האָט בײַ אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל באַצאָלן, האָט אים הערשעלע פאַרזיכערט, אַז ווי נאָר ס'וועט קומען פורים, וועט ער זיך אַרויסלאָזן איבער די הײַזער און צונויפמאַכן דאָס געלט.

דער באַלעבאָס איז געבליבן ניט צופרידן מיטן ענטפער.

— ווייסטו וואָס, — זאָגט אים הערשעלע — אויב דו גלויבסט מיר ניט, קום מיט מיר. און אויב דיר שטייט ניט אָן מיט מיר צו גיין, גיי דו אַליין...

ער וועט שיקן זײַן שוואָגער.

הערשעלע איז אַמאָל געקומען צו אַ קאַרגן גביר נאָך אַ נדבה. ווי דער גביר האָט דערזען אַן אָרעמאַן דורכן פענצטער, האָט ער געהייסן דעם משרת פאַרשליסן די טיר.

רופט זיך אָפּ הערשעלע צום משרת:

— גיי זאָג דעם באַלעבאָס, אַז אויב ער וועט מיר גלײַך ניט עפענען, וועל איך צו אים שיקן מײַן שוואָגער.

דער גביר האָט געמיינט, ווער ווייס ווער דער שוואָגער איז.

ער האָט געעפנט די טיר און געפרעגט, ווער איז דאָס זײַן שוואָגער, וואָס מע דאַרף פאַר אים מורא האָבן.

ענטפערט אים הערשעלע:

— גוט, איך וועל אײַך דערציילן, אָבער גיט מיר אַ דרײַערל.

דער גביר האָט געגעבן.

האָט הערשעלע אַזוי דערציילט:

מײַן שוועסטער האָט געהאַט 2 טעכטער: איינע האָב איך גענומען און די צווייטע האָט גענומען דער מלאך המוות... און פאַרן דאָזיקן שוואָגער מײַנעם ציטערט דאָך די גאַנצע וועלט.

ס'איז אים שטענדיק גוט.

הערשעלע האָט זיך אַמאָל באַרימט, אַז ס'איז אים שטענדיק גוט: זומער איז אים גוט הייס; ווינטער איז אים גוט קאַלט. דאָס ווײַב זײַנס דערגייט אים גוט די יאָרן, און אַליין איז ער אַ גוטער שלימזל.

אָן אַ וויץ.

הערשעלע האָט זיך אַמאָל געטראָפן אין גאַס מיט אַ גביר. שטעלט אים דער גביר אָפּ און בעט אים, ער זאָל זאָגן עפּעס אַ גוטן וויץ.

רופט זיך אָפּ הערשעלע גלײַך אויף אַן אָרט:

— עס גייט אַ רעגן און איך האָב ניט קיין שירעם, געהאָנגען זאָלן ווערן אַלע גבירים.

— וווּ איז דאָ דער וויץ? — פרעגט אים דער גביר.

— איך מיין אָן אַ וויץ — האָט הערשעלע געענטפערט.

צום ערשטן מאָל.

הערשעלע האָט אמאָל געזאָגט צו א חֶבְרָה באַקאַנטע:

— קינדער, אַז מע קומט צווישן הירשן מוז מען שפרינגען ווי א הירש, און צווישן פערד מוז מען הירזשען ווי א פערד...

און צווישן חַזֵרים? — שלאָגט אים איבער איינער.

— צווישן חַזֵרים — זאָגט הערשעלע — בין איך איצט צום ערשטן מאָל.

אויסגאָב.

געווען א גביר, וואָס בײַם באַגריסן זיך פלעגט ער ניט יעדן געבן די גאַנצע האַנט. די גאַנצע האַנט פלעגט ער דערלאַנגען נאָר א גלײַכן. א קלענערן יַחסן פלעגט ער געבן אָדער פיר, אָדער דרײַ, אָדער צוויי, אָדער גאָר איין פינגער.

איינמאָל האָט דער גביר זיך געטראָפן מיט הערשעלען. הערשעלע האָט אים דערלאַנגט „שָלום״ און דער גביר האָט אים אויסגעשטרעקט בלויז איין פינגער.

נעמט הערשעלע און טראָגט אונטער דעם גביר אונטער דער סאַמע נאָז א פײַג.

דער גביר איז געוואָרן א צעקאָכטער.

— וואָס פאַרשטייט איר ניט? — האָט אים הערשעלע קאַלט געענטפערט — איר האָט מיר געגעבן א גאַנצן פינגער. איך פאַרדין אָבער ניט אַזא גרויסן כָּבוד און גיב אײַך א האַלבן פינגער אויסגאָב.

וויפיל שולדיק.

איינמאָל איז הערשל אַרײַן אין א גרויסן געשעפט. אַרײַן, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גלײַך אַרויס.

אין א ווײַלע אַרום — ווידער דאָסזעלבע. און אַזוי עטלעכע מאָל.

פון אָנהייב האָט דער באַלעבאָס אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט. שפּעטער האָט שוין דער באַלעבאָס ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט:

-- וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי, ר׳ ייד?

האָט אים הערשל געענטפערט:

— מַה דאָך אויף מײַן קליין קלייטעלע בין איך שולדיק אַזוי פיל געלט, טאָ וויפיל זײַט איר שוין שולדיק אויף אַזא גרויסן געשעפט?!

ער וויל זיך באַוואָרענען.

הערשעלע האָט אמאָל געהערט, ווי מע לויבט א גביר פאַר זײַן באַשיידנקײַט: ווען ער גיט צְדָקָה, בעט ער, מע זאָל קיינעם ניט דערציילן.

רופט זיך אָפּ הערשעלע:

— איך מיין אַנדערש — ער וויל זיך דערמיט באַוואָרענען, אַז נאָך מענטשן זאָלן צו אים ניט קומען נאָך נְדָבות.

נאָך אַ מאַרקע.

אמאָל האָט אַ ווײַבל געבעטן בײַ הערשעלען לײַען איר 7 קאָפּיקעס אויף אַ מאַרקע, ווײַל דער בריוו אירער איז צו שווער און מע דאַרף אַרויפקלעפּן נאָך אַ מאַרקע.

— נאַר אײנע — האָט הערשעלע געגומען לאַכן פון איר — אַז דו וועסט אַרויפקלעפּן נאָך אַ מאַרקע, וועט דאָך דער בריוו זײַן נאָך שווערער!

פאַרביטן.

אײנמאָל פרײַטיק האָט מען בײַ הערשעלען אָװעקגעגנבעט אין באָד זײַן העמד. געקומען אַהײם, בעט ער בײַ זײַן ווײַב, זי זאָל אים געבן אַ ווײַס העמד.

זאָגט זי צו אים:

— און ווו איז דאָס העמד, וואָס איך האָב דיר מיטגעגעבן?

זאָגט ער:

— עמיצער האָט מיר דאָס העמד פאַרביטן.

פרעגט זי:

— טאָ ווו איז דאָס פאַרביטענע?

ענטפערט ער:

— יענער האָט מסתּמא פאַרגעסן זײַנע אַװעקצולײגן, האָט ער מיטגענומען זײַנע און מײַנע.

זאָל ברענען!

אמאָל איז אין שטעטל מעדזשיבוזש געווען אַ גרויסע שׂרֵפה. צוזאַמען מיט אַלע הײַזער האָט אויך געברענט הערשעלעס שטיבל.

אַלע אין שטעטל זײַנען אַרומגעגאַנגען מיט גרויסע צָרות. אײן הערשעלע איז געשטאַנען בײַ זײַן שטיבל און האָט געלאַכט.

— ר׳ הערשל, וואָס זײַט איר אַזוי פרײלעך? — האָט אים אײנער געפרעגט.

— עס טוט מיר הַנָאָה, וואָס מײַן שטיבל ברענט — האָט הערשעלע געענטפערט — איך זע אַ נְקָמָה אָן די וואַנצן. זײ וועלן איצט אַלע פאַרברענט ווערן.

וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן?

אײנמאָל איז הערשעלע אַרײַנגעפאַלן אין בֵּית־מִדְרָש מיט אַ האַסט:

— רַבּוֹתַי, איך דאַרף בענטשן גומל! האָבן זיך אַלע דערשראָקן. פרעגט מען אים:

— וואָסי?

האָט ער גענומען דערצײלן:

— איך בין געגאַנגען איבער אַ בריק... האָב איך דערהערט שטאַרק קלאַפּן. האָב איך אַ קוק געטאָן אין וואַסער... האָב איך דערזען, ווי אַ וועשין האָט געקלאַפּט מײַן העמד. האָב איך גענומען טראַכטן: — אַז איך זאָל געווען זײַן אין העמד, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן?

ניט אויף אַן אָרט.

הערשעלע איז אַמאָל געלעגן אַ שיכורער אויף דער פּריזבע בײַ זײַן שטיבל און געשאָטן קללות.

— פרעגט מען אים:

— ווּעמען שילסטו דאָס, הערשל?

ענטפערט ער:

— איך שילט דעם באַלעבאָס פון דער דירה, פאַרוואָס ער האָט געמאַכט די פּריזבע אין דרויסן. ער זאָל געהערן מאַכן די פּריזבע אינעווייניק אין שטוב, וואָלט דאָך מיך קיינער דאָן ניט געזען אַ שיכורן.

אַ האַלבער פּסח.

הערשעלע האָט זיך אַמאָל אַ צײַט פאַר פּסח באַרימט, אַז אַ האַלבן פּסח האָט ער שוין אין שטוב.

האָבן זיך אַלע געוווּנדערט: ער איז דאָך אַזאַ גרויסער קבצן!

האָט זיי הערשעלע די זאַך אַזוי פאַרענטפערט:

— וואָס איז דער וווּנדער? דער פּסח באַשטייט דאָך פון אויסראַמען דעם חמץ און אַרײַננעמען מצה. האָב איך שוין דעם חמץ לאַנג אויסגעראַמט.

די זײַדענע קאַפּאָטע.

(דערציילט פון שנע לאנדעס—לייב ניו־יאָרק).

הערשעלע אָסטראָפּאָלער איז געווען אַמאָל זייער רײַך. צוליב דעם פלעגט מען אים אָפּגעבן זייער פיל כּבוד. ווען ער פלעגט קומען אויף אַ חתונה, פלעגט מען אים געבן דעם אויבנאָן און די בעסטע מאכלים.

האָט אָבער פּאַסירט, אַז הערשעלע אָסטראָפּאָלער איז פאַראָרעמט געוואָרן. און די אָרעמעלײַט פלעגט מען זעצן בײַ דער טיר און זיי געבן עסן, וואָס ס'איז פאַרבליבן פון די רײַכע.

איז הערשעלע געפאַלן אויף אַזאַ שפּיצל: ער האָט זיך געליען אַ זײַדענע קאַפּאָטע בײַ זײַן רײַכן שכן.

ווען ער איז געקומען אויף דער חתונה אין דער נײַער זײַדענער קאַפּאָטע, האָבן די מחותנים געטראַכט, אַז הערשעלע איז שוין מסתמא ווידער רײַך געוואָרן. האָט מען אים געזעצט אויפן סאַמע אויבנאָן און געגעבן אים דעם בעסטן חלק פיש.

האָט הערשעלע גענומען און מיט די פיש געריבן די זײַדענע קאַפּאָטע. אַלע רײַכע געסט זײַנען נשתומם געוואָרן און געפרעגט:—פאַרוואָס רײַבסטו די פיש אָן דער זײַדענער קאַפּאָטע?

האָט הערשעלע געענטפערט: „אַזוי ווי מע האָט מיר געגעבן די פיש נאָר צוליב דער זײַדענער קאַפּאָטע, טאָ זאָל די קאַפּאָטע עסן די פיש...

אינהאלט:

„יינגעלע, ווי הייסטו?“ — 4
אין זיינע יאָרן — „
געדראָרפט געבן אַ בלאָז — „
ביידע קומען אָפּ — 5
אַ שטוב צו אַ שטוב איז ניט גלייך — „
ער וועט טאָן, ווי זיין טאַטע האָט געטאָן — „
וווּ איז דער יושר און וווּ איז דער שכל? — 6
הערשעלעס לשון־קודש — „
„ווער אַ מלמד!“ — „
ער פירט אַ פּריצטע מיט פּריצימלעך — 7
פאַר וואָס קהל נעמט ניט איין? — 8
אַבי ער האָט פּיס — „
ווען ער וואָלט געהאַט שטיוול — „
ווען ער האָט ראָטשילדס פאַרמעגן — „
אַן אייביקע פּרנסה — 9
פאַר וואָס ער קעמט זיך ניט אויס דעם קאָפּ — „
פאָרנט און הינטן — „
אַן אורח אויף שבת — „
עס קען געמאָלט זיין — 10
זעקס זאַכן האָבן אים געבראַכט דערצו — „
וואָס איז ווערט אַ דימענט ווי אַן איי די גרויס? — „
אין שלעכטע הענט — 11
ניט פאַרן אייבערשטן, ניט פאַרן אונטערשטן — „
זיי ווילן שוין וויסן — „
אויב דו גלויבסט מיר ניט, טאָ גיי אַליין — 12
ער וועט שיקן זיין שוואָגער — „
ס'איז אים שטענדיק גוט — „
אָן אַ ווייַ — „
צום ערשטן מאָל — 13
אויסגאַב — „
וויפל שולדיק? — „
ער וויל זיך באַוואָרענען — „
נאָך אַ מאַרקע — 14
פאַרביטן די העמדער — „
זאָל ברענען! — „
וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן? — „
ניט אויף אַן אָרט — 15
אַ האַלבער פּסח — „
די זיידענע קאַפּאָטע — „

מַעֲשֶׂהלעך

וועגן

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

געזאמלט פון ש. באסטאמסקי.

העפט II

פארלאג „גרינינקע ביימעלעך"

ווילנע o o o o o 1939

מעשהלעך

וועגן

הערשעלע אסטראפאליער

געזאמלט פון ש. באסטאמסקי.

העפט 11

פארלאג „גרינינקע ביימעלעך"

ווילנע ° ° ° ° ° ° 1939

Printed in Poland

S. Bastomski

„Herszele Ostropoljer“

(bajki)

Druk. „Express Wilno, Wielka 33.

ניט קיין קינד, נאָר אַן אייניקל.

דער רבי ר׳ ברוכל איז געווען אַ קנאַפּער למדן. זיין גאַנצער יחוס איז געווען, וואָס ער איז געווען דעם בעל־שמס אַן אייניקל.

הערשעלע פלעגט אָפט חוזק מאַכן פון ר׳ ברוכלען, וואָס ער איז אַ קליינער אייניקל פון אַ גרויסן זיידן.

איין מאָל האָט דער רבי מיטגענומען הערשעלען אין שטאָט אָרמין. אונטערוועגנס זיינען זיי איינגעשטאַנען אין אַן אכסניא.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דאָרט, אין דער אכסניא, געוויינט אַ קינד און ניט דער רבי, ניט הערשעלע־האָבן ניט געקאָנט צוטאָן אַן אויג.

אין דער פרי איז דער רבי אויפגעשטאַנען אַ בייזער.

— דאָס איז ניט קיין קינד, נאָר אַ שד — האָט ער אויסגע־שריען:

— ערגערט זיך ניט, רבי--האָט אים הערשעלע בארויקט—עס איז נישט אַ קינד, נאָר אַן אייניקל, און פון די אייניקלעך האָט מען אַלע מאָל צרות...

דער רבי האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך און אים אָראָפּגעשלונגען.

•••••••••••••

די גאַנצע וועלט זאָל נאָכלויפן.

דער רבי ר׳ ברוכל האָט שטאַרק ליב געהאַט כבוד. ער האָט געוואָלט, אַז ווען ער קומט אין אַ שטאָט אַריין, זאָלן אַלע אים נאָכ־לויפן און טייטלען אויף אים מיט די פינגער.

איין מאָל רופט זיך אָפּ דער רבי צו הערשעלען:

— הערשעלע, ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל מיך נאָכלויפן?

— איין עצה איז דאָ—האָט הערשעלע געענטפערט—משוגע ווערן!

— דער רבי האָט זיך אויף אַזאַ תשובה ניט געריכט און איז געוואָרן שטאַרק אין כעס.

— פאַר וואָס עפּעס משוגע ווערן?—האָט ער בייז געפרעגט.

— פאַרשטייט איר מיך, רבי — האָט הערשעלע געלאַסן געענט־פערט — אַ רבין לויפט נאָך אַ האַלבע וועלט, און אַ משוגענעם לויפט נאָך אַ האַלבע וועלט. הכּנס ווען אַ רבי ווערט משוגע, לויפט אים נאָך די גאַנצע וועלט...

•••••••••••••

ער קען אים די קליינע טובה ניט טאָן.

הערשעלע האָט געדאַרפט באַקומען בײַם רבין האַכנגעלט פאַר די שטיק, וואָס ער האָט געפּראַוועט. אָבער אַרויסבאַקומען דאָס געלט פלעגט אים אָנקומען זייער שווער. אָפט מאָל פלעגט ער עס אַרויסבאַקומען מיט קונצן.

איין מאָל דאָנערשטיק איז הערשעלע געקומען צום רבין בעטן עפּעס אויף שבת.

—אַז דו ווײסט מיר דערציילן עפּעס אַ שיינע מעשה — האָט דער רבי געזאָגט צו הערשעלען—וועל איך אָפשר אַפּזוכן פון דײַנטוועגן אַ פּאָר גילדן אויף שבת.

הערשעלען האָט די זאַך שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט אָבער געמוזט אָנקומען צו יענעמס טובה. האָט ער אַ טראַכט געטאָן און דערציילט דעם רבין אַזאַ מעשה:

— פאַר צווי וואָכן, ניט הײַנט געדאַכט, האָב איך ניט געהאַט אויף שבת. גיי איך אַזוי אַרום פאַרזאָרגט און טראַכט:

— פון וואַנען וועט קומען די ישועה?

באַגעגנט מיך דער יצר הרע און זאָגט צו מיר:

— הערשל, וואָס גייסטו אַרום אַזוי באַזאָרגט?

דערצייל איך אים מײַנע צרות.

רופט זיך אָפּ דער יצר הרע:

— נאַר, וואָס דו ביסט! גיי אַרײַן צום רבין און נעם בײַ אים אַ זילבערנעם לעפל. וועסטו האָבן אַ שיינעם שבת.

איך האָב אים געפאָלגט און האָב טאַקע באמת געהאַט אַ שיינעם שבת.

פאַראַכטאָגן האָב איך ווידער ניט געהאַט אויף שבת. האָב איך געוואָלט טאָן דאָס אייגענע וואָס פאַר צווי וואָכן.

טרעפט מיך דער יצר טוב און פרעגט מיך, וווהין איך גיי.

ענטפער איך אים, אַז איך גיי צום רבין נעמען אַ לעפל, איך זאָל האָבן אויף שבת.

הייבט מיך אָן דער יצר טוב צו שטראָפן:

— סטײַטש, הערשל, דו זאָלסט אַזעלכעס זאָגן! דו ווייסט דאָך אַז עס שטייט געשריבן: „לא תגנוב"—זאָלסט ניט גנבענען!

פרעג איך דעם יצר טוב:

— אדרבא, זאָג דו, וואָס זאָל איך טאָן! וואָס איז דײַן עצה?

זאָגט דער יֵצר טוב:

— איך ראָט דיר ניט צו גנבֿענען. דער אײבערשטער וועט דיך שוין אויפריכטן און דו וועסט האָבן אויף שבת.

איך האָב אים געפֿאָלגט און האָב געהאַט אַ שבת, אויף מײַנע שונאים געזאָגט געוואָרן.

הײַנטיקן דאָנערשטיק האָב איך ווידער ניט אויף שבת און איך גיי אַרום און קלער: וועמען זאָל איך פֿאָלגן — דעם יֵצר הָרע אָדער דעם יֵצר טוב?

ווי איך גיי אַזוי, באַגעגנט מיך ווידער דער יֵצר טוב און זאָגט צו מיר:

— דו זעסט, הערשל, פֿאַראַכטאָגן האָסטו געהאַט שבת אָן אַ גנבֿה.

— גוטער ברודער, — ענטפֿער איך אים — אָבער וואָס פֿאַר אַ שבת איז דאָס געווען? איך בין דאָך שיִער פֿאַר הונגער ניט געשטאָרבן ווי אין דער וואָכן. הײַנט וועל איך שוין בעסער פֿאָלגן דעם יֵצר הָרע.

ווערט דער יֵצר טוב שוין אין כּעס און מאַכט אַ געוואַלד:

— איך זאָג דיר איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז מע טאָר ניט גנבֿענען!

האָט עס מיך שוין פֿאַרדראָסן און איך זאָג צום יֵצר טוב:

— אויב דו ביסט שוין יאָ אַזאַ פֿרומער, גיי אַרײַן צום רבין און פּועל בײַ אים, ער זאָל מיר געבן אויף שבת.

האָט דער יצר טוב אַ זיפֿץ געטאָן און מיר אַזוי געענטפֿערט:

— גלייב מיך, הערשל, איך וואָלט דיר אַוודאי געטאָן אַזאַ קלײנע טובֿה, נאָר איך קען דיר שווערן, אַז זינט ער לעבט, איז נאָך מײַן פֿוס אויף זײַן שוועל ניט געקומען...

•••••••••••••

די זעלביקע קשיא.

אײן מאָל פֿאַר פּסח איז הערשעלע אַרומגעגאַנגען זײער פֿאַרדאגהס. האָט דאָס באַמערקט דער רבי. האָט ער אים געפֿרעגט:

— וואָס ביסטו, הערשעלע, אַזוי פֿאַרטראַכט?

— כ׳האָב זײער אַ שווערע קשיא, רבי — האָט הערשעלע געענטפֿערט.

— וואָס פֿאַר אַ קשיא? — האָט דער רבי געפֿרעגט.

— איך קען אַלץ ניט פֿאַרשטיין — האָט הערשעלע געזאָגט — פֿון וואָס איר, רבי לעבן, האָט שוין אויף פּסח און איך, הערשל — האָב נאָך גאָרנישט.

דער רבי האָט אַרויסגענומען עטלעכע מַטבֵּעוֹת און פאַרענטפערט הערשעלען די קַשיָה.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, חוה"מ, איז הערשעלע ווידער גע־גאַנגען און געריבן דעם שטערן. האָט עס ווידער דערזען דער רבי.

— וואָס טראַכטסטו שוין ווידער? — האָט דער רבי געפרעגט — איך האָב דאָך דיר שוין די קשיה פאַרענטפערט.

— פאַרשטייט איר מיך, רבי — האָט הערשעלע זיך אָפּגערופן — נאָר דעם, ווי איך מיט מײַן הויזגעזינד האָבן גוט צעקײַעט דעם רבינס תּירוץ, איז אונדז ווידער געבליבן די אַלטע קשיה.

וואָס עס דאַרף געשען מיטן רבין, זאָל געשען מיט דער רביצין.

איין מאָל האָט הערשעלע געכאַפּט פון רבין אַ פּאַטש.

עס איז געשען אַזוי:

בײַם רבין איז געשטאָרבן זײַן ערשטע ווײַב, די אַלטע רביצין. האָט ער אין גיכן חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער, אַ יונגער.

אָבער דער רבי האָט פון זײַן יונגן ווײַבל קיין נחת ניט געהאַט.

איין מאָל האָט דער רבי צוגערופן הערשעלען און צו אים אַזוי געזאָגט:

— הערשל, כ'האָב צו דיר אַ בַּקָשה. איך האָב געגעבן אַ שבועה, אַז איך זאָל קיינעם ניט שילטן. בעט איך דיך: שילט מײַן ווײַב און איך וועל זאָגן אָמן. איז סײַ איך וועל ניט ברעכן די שבועה, סײַ מײַן שלאָק וועט האָבן אַ מיאוסן סוף.

הערשעלע האָט ניט געהאַט קיין האַרץ צו שילטן אַ יונג ווײַבל. האָט ער אַזוי געזאָגט:

— וואָס עס דאַרף געשען מיטן רבין, זאָל געשען מיט דער רביצין!

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט דער רבי געפרעגט.

— איך מיין — האָט הערשעלע דערקלערט — אַז איידער דער רבי זאָל ווערן אַן אַלמן, זאָל די רביצין ליבערשט ווערן אַן אַלמנה.

דער רבי איז אין כּעס געוואָרן און דערלאַנגט דערפאַר הער־שעלען אַ פּאַטש.

אַז הערשעלע האָט עס שפּעטער דערציילט די חסידים, האָט ער צוגעגעבן:

— אַ פּאַטש האָב איך טאַקע באַקומען, אָבער עס האָט געלוינט!

ווער פאר וועמען האט מורא.

איין מאל האט הערשעלע געהערט, ווי צוויי חסידים האבן זיך געשפארט וועגן רבין ר׳ ברוכלען.

איינער האט געזאגט, אז דער רבי ר׳ ברוכל איז אזא צדיק, אז גאט האט אפשר פאר אים מורא.

דער אנדערער האט געטענהט, אז עס איז אוממיגלעך, אז גאט זאל מורא האבן פאר א מענטשן. ער מעג זיין דער גרעסטער צדיק.

אין דעם איז אנגעקומען הערשעלע. האבן אים די חסידים צוגערופן און ביי אים געפרעגט, וואס ער וועט זאגן וועגן דעם.

— אז איר וועט מיר געבן א טרונק בראנפן, וועל איך אייך זאגן — האט הערשעלע געענטפערט.

הערשעלע האט באקומען דאס ביסעלע און דאן האט ער געזאגט:

— איך מיין, אז גאט האט טאקע פארן רבין קיין מורא ניט, אבער דער רבי פאר גאט האט אויך נישט מורא...

א חסיד, צי א מתנגד?

דער רבי ר׳ ברוכל האט איין מאל געטראפן הערשעלען, ווי ער זיצט אויף זיין, רבינס, שטול, אין זיין ספאדעק.

— ביסט געווארן רבי! — האט ר׳ ברוך געזאגט צו הערשעלען מיט שפאט־לאמיך הערן פון דיר א שטיקל תורה. זאג מיר, הערשל, וואס איז דער יצר הרע — א חסיד, צי א מתנגד?

— א חסיד, רבי! — האט הערשעלע גלייך געענטפערט.

— פאר וואס? — האט ר׳ ברוך געפרעגט.

— ווייל ער איז אן אפטער גאסט ביים רבין — האט הערשעלע געענטפערט.

הערשעלע גיט א סגולה.

צום מעזשביזשער רבין ר׳ ברוכן איז א מאל געקומען א ייד בעטן א סגולה, אז זיין ווייב, וואס דארף געלעגן ווערן, זאל האבן גרינג דאס קינד.

דער רבי איז נישט געווען אין דער היים.

איז הערשעלע צוגעגאנגען צום יידן און אים געפרעגט, וואס זיין פארלאנג איז.

דער ייִד האָט אים דערציילט.

— גייט אַהיים — האָט הערשל געזאָגט צו אים — און ווען איר וועט פּילן די ערשטע וויען, זאָלט איר אָנהייבן זאָגן „זכור“.

דער ייִד האָט אַזוי געטאָן און זײַן פרוי האָט גרינג געהאַט דאָס קינד.

אַ גליקלעכער און צופרידענער איז דער ייִד געקומען צו לויפן אין רבינס הויף און דערציילט די חסידים, וואָס פאַר אַ טײַערע סגולה הערשעלע האָט אים געגעבן.

די מעשה איז אָנגעקומען צום רבין. ער האָט געהייסן אַרײַנרופן הערשעלען און אים געפרעגט:

— וואָס איז דיר עפּעס אײַנגעפאַלן צו געבן דעם ייִדן אַזאַ סגולה?

— ס'איז אַ פּשוטער שׂכל — האָט הערשעלע געזאָגט — אַז מע זאָגט „זכור“, מוזן אַלע, וואָס האָבן טאַטע-מאַמע, אַרויסגיין...

ו אַ ר י אַ נ ט:

הערשעלע איז דערגאַנגען, אַז דער טאַטע פונעם קינד איז אַ גרויסער אָרעמאַן. האָט ער געהייסן אַרויפלייגן דער געווינערין אַ קאָפּיקע אויפן בויך.

ווען דער רבי האָט געפרעגט הערשעלען דעם שׂכל, האָט הערשעלע אַזוי געזאָגט:

— מע האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס קינד שטאַמט פון קבצנים. און אַז אַ קבצן דערזעט אַ קאָפּיקע, וועט ער גלײַך לויפן זי כאַפּן.

דאָס הויז איז ניט אײַנגעפאַלן.

איין מאָל איז דער רבי ר' ברוכל דורכגעגאַנגען יום כּיפּור די גאַס און דערזען: אַן אפּיקורס שטייט בײַ אַן אָפענעם פענצטער און פרעסט אַ שטיק ברויט מיט חזיר.

דער רבי איז געוואָרן שטאַרק אין כּעס און האָט אַ געשריי געטאָן:

— אַזאַ הויז מעג אײַנפאַלן!

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס הויז געהערט ניט צום אפּיקורס, נאָר צו ר' ברוכלס אַ חסיד.

איז דער חסיד גלײַך געקומען צו לויפן צום רבין מיט אַ געוואַלד:

— סטײַטש, ניט גענוג, וואָס דער אפּיקורס צאָלט ניט קיין גראָשן דירה-געלט, זאָל נאָך צוליב אים אײַנפאַלן דאָס הויז! ווו איז יושר?

דער רבי איז אָבער געבליבן בײַ זײַניקן:

— דאָס הויז מוז אײַנפֿאַלן!

— איז נישטאָ קײן שום עֵצָה, אַז דאָס הויז זאָל נישט אײַנפֿאַלן? — איז דער אומגליקלעכער חסיד צוגעפֿאַלן צו הערשעלען.

הערשעלע האָט רַחֲמָנוּת געקראָגן אויפֿן ייִדן און האָט אים געגעבן אַזאַ עֵצָה:

— צאָל אַײַן ח״י רובל כֶּסֶף פּדיון, וועט עס אפשר ניט אײַנפֿאַלן.

מוצאי יום־כּפּור האָט דער חסיד געבראַכט די אַכצן רובל.

דאָס זײַנען געווען די לעצטע עטלעכע קערבלעך, וואָס ער האָט געהאַט אויף סוכּות. ער איז אָבער געווען זייער צופֿרידן, וואָס מיט דעם וועט ער אָפּראַטעווען זײַן הויז.

— נו, און וואָס איז געוואָרן? — האָבן חסידים געפֿרעגט בײַ הערשעלען, ווען ער האָט זײ אַ מאָל דערציילט די געשיכטע.

— דאָס הויז איז טאַקע נישט אײַנגעפֿאַלן... עס שטייט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג — האָט הערשעלע געענטפֿערט.

****

אַן עֵצָה קעגן מײַז.

איין מאָל האָט אַ נָגיד געפֿרעגט בײַ הערשעלען אַן עֵצָה, וואָס ער זאָל טאָן קעגן די מײַז, וואָס זײַנען פֿאַראַן בײַ אים אין שטוב.

— אַ קאַץ האַלט איר? — האָט הערשעלע געפֿרעגט.

— נו, אַוודאי, פֿאַרשטייט זיך!

— און עס העלפֿט ניט?

— ניין. זיי פֿרעסן אויף אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אין שטוב.

— אויב אַזוי, האָב איך פֿאַר אײַך אַן עֵצָה — האָט הערשעלע געענטפֿערט — גיט זיי צו עסן אַ מצה פֿון אַפֿיקומן. עס איז פֿאַראַן אַ דין, אַז נאָכן אַפֿיקומן טאָר מען שוין גאָרנישט עסן. וועלן די מײַז בײַ אײַך מער גאָרנישט ניט אויפֿפֿרעסן און איר וועט האָבן רו.

— סטײַטש, פֿון וואַנען ווייסן די מײַז דעם דין, אַז מע טאָר נישט עסן נאָכן אַפֿיקומן? — האָט דער נָגיד געפֿרעגט.

— זיי האָבן ערשט נישט לאַנג אויפֿגעפֿרעסן בײַ מיר אַ „שולחן עָרוך" — האָט הערשעלע געענטפֿערט — און דאָרטן זײַנען געשריבן אַלע דינים...

****

די דרײַ ווינטשעניש.

ניט ווײַט פון מעזשיבעזש האָט געהאַלטן אַ קרעטשמע אַן אַרענדאַר, זייער אַ שלעכטער מענטש. ער האָט קיין מאָל אַן אָרעמאַן קיין שטיקל ברויט ניט געגעבן.

די בעלעבאַטים פון שטעטל האָבן געזוכט פאַרשיידענע מיטלען כדי ווײַכער צו מאַכן דעם אַרענדאַרס האַרץ. זיי האָבן אָבער גאָרנישט ניט געקאָנט אויפטאָן.

האָבן זיי איין מאָל אָפּגעמאַכט מיט הערשעלען, אַז ער וועט בײַ זיי קריגן אַ מָנָה יָפָה, אויב אים וועט זיך דאָס אײַנגעבן.

און הערשעלע איז אַוועק צום אַרענדאַר.

— וואָס פאַרלאַנגט איר?—האָט אים דער אַרענדאַר בײַ ז באַגעגנט.

— איך בין אַן אָרעמאַן — האָט הערשעלע געענטפערט — שענקט עפּעס אַ נדבה.

— אַרויס פון מײַן שטוב!—האָט דער אַרענדאַר גענומען אויף אים שרײַען:—איך גיב קיין נְדָבות ניט!

— איך בעט אײַך זייער—האָט הערשעלע גענומען ריידן צו אים—זײַט ניט אין כַּעס. איך וועל שוין פון אײַך קיין נדבה ניט פאַרלאַנגען. נאָר אײַך געלט און גיט מיר אַ ביסל בראַנפן און קומט אויך אַהער, מאַכט אויך לְחַיִים. איך וועל פאַר אײַער שנאַפּס אויך באַצאָלן.

דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז דער אַרענדאַר געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, האָט אַוועקגעזעצט הערשעלען אויבנאָן, דערלאַנגט אים משקה, און נאָך אַרויסגערופן זײַן ווײַב.

בײַם מאַכן לְחַיִים האָט אים הערשעלע אָנגענומען פאַר אַ האַנט און גענומען צווינטשן.

— בעלעבאָס, דרײַ זאַכן וועל איך אײַך צווינטשן:

א) גאָט זאָל אײַך העלפן, איר זאָלט קיין מאָל ניט שטאַרבן.

ב) נאָר אויב איר וועט שוין יאָ שטאַרבן, זאָלט איר ליגן לעבן מיר און ג) איר זאָלט מאַכן אַ פּאָדלאָגע בײַ אײַך אין שטוב.

און אַ גוטן טאָג און מיטן קוק איז הערשעלע אַנטלאָפן.

דער אַרענדאַר מיט דער ווײַב זײַנען געבליבן שטיין שטאַרק פאַרוווּנדערט.

געקומען צו זיך, רופט זיך אָפּ די ווײַב צום אַרענדאַר:

— ניין, מײַן מאַן, דו וועסט מיר ניט אײַנריידן — דאָס איז ניט קיין אָרעמאַן. דאָס איז געוויס אֵלִיָהוּ הַנָבִיא.

און זי איז נאָכגעלאָפן נאָך הערשעלען און אים שטאַרק געבעטן, ער זאָל זיך אומקערן צו איר מאַן.

הערשל האָט איר צו ליב געטאָן און איז ווידער געקומען צום אַרענדאַר.

זאָגט צו אים דער אַרענדאַר:

— הערט, פעטער, ווער זײַט איר און וואָס האָט איר מיר געווינטשן?

רופט זיך אָפּ צו אים הערשעלע:

— ווער איך בין, טאָרט איר ניט וויסן, נאָר אַז איר וועט מיר געבן אַ תקיעת כּף, אַז איר וועט חוזר בתשובה זײַן און געבן צדקה, ווען אָרעמע לײַט וועלן קומען צו אײַך, וועל איך אײַך זאָגן, וואָס איך האָב געמיינט.

דער אַרענדאַר האָט געגעבן אַ תקיעת כּף און הערשעלע האָט אים דערקלערט:

— דאָס וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, איר זאָלט קיין מאָל ניט שטאַרבן—האָב איך געמיינט: ווײַל איר זײַט אַ גרויסער כּלב, זאָלט איר בעסער פּייגערן.

דער צווייטער ווּנטש—טאָמער וועט איר שטאַרבן, זאָלט איר ליגן לעבן מיר—האָט געהאַט אַזאַ מיין: פון אַ פעטן חזיר זאָלן כאַטש מײַנע ווערעם הנאה האָבן.

אַ פּאָדלאָגע האָב איך אײַך געהייסן מאַכן צוליב דעם, וואָס איר זײַט ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אײַך. זאָלט איר דעריבער טרעטן אויף דער פּאָדלאָגע.

•••••••••••••

גיט מיר כאָטש העלפט.

הערשעלע איז אַ מאָל געקומען צו אַ גביר נאָך אַ נדבה.

דער גביר איז געווען זייער אַ קאַרגער. האָט ער גענומען שרײַען:

— אַרויס פון מײַן שטוב, אַניט רוף איך אַרײַן דעם קערער!

רופט זיך אָפּ הערשעלע:

— שאַ! וואָס דאַרפט איר זיך מטריח זײַן? גיט מיר כאָטש העלפט, ווײַל איר וועט אים געבן, וועל איך אַליין אַוועקגיין.

•••••••••••••

ווי ווײַט?

איינער האָט אַ מאָל געוואָלט אַ לאַך טאָן פון הערשעלען. האָט ער אים געפרעגט:

— זאָג מיר נאַר, הערשל, ווי ווײַט איז צווישן דיר און אַן אייזל?

— אַזוי ווײַט—האָט הערשעלע גלײַך אויפן שטעל געענטפערט — ווי צווישן מיר און דיר.

●●●●●●●●●●●●

אַ כּלה מיט דרײַ מעלות.

— הערשעלע, ווינטש מיר צו טאָן אַ גוטן שידוך — האָט אַ מאָל געזאָגט איינער אַ יונגערמאַן צו הערשעלען.

— דער אייבערשטער זאָל דיר צושיקן אַ כּלה מיט דרײַ מעלות— האָט אים הערשעלע צוגעווונטשן—זי זאָל זײַן שיין, רײַך און משוגע...

— פאַר וואָס עפּעס משוגע? — האָט יענער געפרעגט.

— ווײַל ווען זי וועט זײַן בײַם קלאָרן זינען, וועט זי דיך ניט נעמען.

●●●●●●●●●●●●

זי וועט זײַן אײַערע.

הערשעלע האָט אַ מאָל ניט געהאַט אַ גראָשן אויף שבּת. איז ער געפאַלן אויף אַזאַ המצאה: ער איז אַוועק צו קהל מיט אַ גרויס געשריי:

— ייִדן, אַן אומגליק! מײַן ווײַב איז געשטאָרבן. גיט מיר אויף דער לויה.

הערשעלע האָט באַקומען עטלעכע גילדן. ער האָט עס געבראַכט צו דער ווײַב און געהייסן איר מאַכן שבת.

שפּעטער זײַנען די קהלס לײַט געקומען צו הערשעלען כּדי צוצונעמען זײַן ווײַב.

זיי קומען אַרײַן, זיי זעען—זי שטייט און שאַבט פיש.

— דאָס איז דאָך ניט אָרנטלעך, הערשל! דו האָסט דאָך אונדז אָפּגענאַרט.

האָט זיי הערשעלע אַזוי באַרויִקט:

— גלייבט מיר, פריִער, שפּעטער—איר וועט זי האָבן. זי וועט שוין פון אײַערע הענט ניט אַנטלויפן.

●●●●●●●●●●●●

הערשעלעס טויט.

געשטאָרבן איז הערשעלע אויך מיט א חיק.

חסידים האָבן דערציילט, אז דער רבי ר׳ ברוכל האָט הערשעלען פארשאָלטן דערפאר, וואָס הערשעלע האָט שוין צו פיל אים אָנגע־גריפן אין זיינע וויצן.

ווען הערשעלע איז געלעגן אויפן טויטן בעט, איז דער רבי פון דעסט וועגן געקומען אים מבקר חולה זיין.

הערשעלע איז געלעגן און געחוזקט פון אלעמען.

– האָסט ניט מורא פאַרן גהינום?–האָט דער רבי אים געפרעגט.

– אז דער מלאך הדומה וועט מיך פרעגן – האָט הערשעלע גע־ענטפערט–צי איך בין געזעסן און געלערנט, וועל איך אים זאָגן:

– אויב דו האלטסט מיך ניט פאר קיין למדן, וועסטו מיר ניט געבן דיין טאָכטער פאר א ווייב.

אז ער וועט מיך פרעגן, ווי מע רופט מיך, וועל איך זאָגן: געצל.

וועט ער שרייען:–מע רופט דאָך דיך גאָר הערשל!

וועל איך אים זאָגן:–אז דו ווייסט אליין, טאָ וואָס פרעגסטו?

אז ער וועט מיך פרעגן:

– וואָס האָסטו עפעס מתקן געווען, פאררירכט אויף דער וועלט?–

וועל איך אים זאָגן:

– א מאָל האָב איך פאררריכט די הויזן, א מאָל–דאָס העמד...

*

צו די יידן פון דער חברה קדישה, וואָס זיינען געקומען צו אים פאר זיין טויט, האָט הערשעלע אזוי געזאָגט:

– געדענקט, יידן, איר זאָלט מיך ניט נעמען אונטער די אָרעמס, ווייל איך האָב מורא פאר קיצלען...

און מיט א שמייכל אויף די ליפן האָט הערשעלע אויסגעהויכט די נשמה.

אינהאלט:

ניט קיין קינד, נאָר אַן אייניקל	3
די גאַנצע וועלט זאָל נאָכלויפן	〃
ער קען אים די קליינע טובה ניט טאָן	4
די זעלביקע קשיה	5
וואָס עס דאַרף געשען מיטן רבין, זאָל געשען מיט דער רביצין	6
ווער פאַר וועמען האָט מורא	7
אַ חסיד, צי אַ מתנגד?	〃
הערשעלע גיט אַ סגולה	〃
דאָס הויז איז ניט איינגעפאַלן	8
אַן עצה קעגן מײַז	9
ער האָט אים מוחל געווען	10
ער האָט אַן אַנדערע אויך	〃
אַ געבראָטן גענדזל מיט אַ פּאַס ווײַן	11
אַרויסבאַקומען	〃
זאָלסט ניט הערן, וואָס מענטשן זאָגן	〃
די דרײַ ווינטשעניש	12
גיט מיר כאָטש העלפט	13
ווי ווײַט?	14
אַ כלה מיט דרײַ מעלות	〃
זי וועט זײַן אַ צווייטע	〃
הערשעלעס טויט	15